# וויכטיגע אינפארמאציע פאר SNAP באקומער וועגן אייער פעברואר בענעפיטן

צוליב די פעדעראלע רעגירונג פארמאכונג (שאט-דאון), וועלן מערסטנס SNAP באקומער באקומען זייער פעברואר סופלעמענטל נוטרישען הילף פראגראם (SNAP) בענעפיטן פריער.

אויב איר האט באקומען א SNAP בענעפיט אין יאנואר און איר האט געדארפט באקומען SNAP אין פעברואר, וועלן אייער פעברואר בענעפיטן **מעגליך** אריינקומען אויף אייער EBT קארטל אום יאנואר 17 אנשטאט אייער סקעדזשולד פעברואר דאטום.

דאס איז אייער גאנצע פעברואר בענעפיט. עס איז נישט אן עקסטערע SNAP בענעפיט פאר יאנואר. אויב איר באקומט אייער פעברואר בענעפיטן אום יאנואר 17, **וועט איר נישט באקומען נאך בענעפיטן אין פעברואר**. דערפאר איז וויכטיג אז איר זאלט אייניטיילן אייער בודזשעט און אויסגעבן אייער פעברואר בענעפיט מיט דעם פארשטאנד.

אויב איר האט געענדיגט אייער רעסערטיפיקעישאן (ווידער-איינשרייבונג) פאר SNAP בענעפיטן אין יאנואר און איר האט נישט באקומען פעברואר בענעפיטן אום יאנואר 17, מיינט עס נישט אז איר וועט נישט באקומען א פעברואר בענעפיט. אייער פעברואר בענעפיט דארף אריינקומען אויף אייער געווענטליכע באשטימטע פעברואר בענעפיט דאטום.

ביז יעצט זענען נישט פארהאן נאך טוישונגען פון SNAP צוליב די פעדעראלע רעגירונג פארמאכונג. אלע פראגראם פארלאנגען בלייבן אין קראפט. אויב איר באקומט א רעסערטיפיקעישאן נאטיץ און אפליקאציע, אדער א צייטליכע רעפארט פארם, ביטע שטעלט עס אויס און שיקט עס צוריק צייטלעך צום ניו יארק סיטי דעפארטמענט און סאשעל סערוויסעס (DSS) אז איר זאלט קענען ווייטער באקומען SNAP בענעפיטן אינעם צוקומפט. אייער פאדערונג צו באריכטן טוישונגען צום DSS האט זיך אויך נישט געטוישט.

מיר וועלן ווייטער צושטעלן היינטצייטיגע אינפארמאציע איבער וויאזוי די פעדעראלע פארמאכונג קען אפעקטירן אייער SNAP בענעפיטן אויף די אפיס פון טעמפארערי און דיסאביליטי אסיסטענס וועבזייטל אויף www.otda.ny.gov און אויף nyc.gov/hra. OTDA'ס וועבזייטל ענטהאלט אויך עטליכע אפט געפרעגטע פראגעס און ענטפערס איבער דעם פארמאכונג.

NYC Department of Social Services

Human Resources Administration

Department of Homeless Services